שמואל אייזערשטיין / פּאַריז

# קאַלושינער קלעזמאָרים

מען האָט קיין מאָל נישט געוווּסט ווער ס׳איז געווען דער ערשטער. מיטאַמאָל איז אַנטשטאַנען אַ קאַפּעליע. אַ גאַנצע פֿאַמיליע האָט זיך גענומען צום דאַזיקן „שפּילנדיקן״ פֿאַך, אוועקגעוואָרפֿן שניידעריי און שוסטעריי, און אויפֿגעשטעלט אַן אָרקעסטער.

דער ראש פֿון דער קאַפּעליע איז געווען אשר, אַ שפּילער — אַ ווירטואָז. מבֿינים פֿלעגן זיך וווּנדערן, ווי אַזוי אַזאַ שפּילער פֿאַרנעמט זיך גאָר שפּילן קאָנצערטן פֿון קלאַסישער מוזיק, און די ברידער פֿלעגן זיך איבערווינקען מיט גרויסער הנאה פֿון זייער ברודערס מייסטערשאַפֿט.

נישט אויף יעדן אָרט האָט אשר אַרויסגעוויזן, וואָס ער קען. אויף חתונות, אין גרויסן האַרמידער פֿון טאַנצנדיקע פּאָרלעך, צווישן די מיצווה־טענצלעך און טופּערייען, האָט אשר נישט איין מאָל אָוועקגעלייגט פֿידל און סמיק, און נאָר דער פּויקער פֿלעגט קלאַפּן ביז טויב ווערן, און סאַנע קלעזמער האָט געריבן און געריבן איין סטרונע אויפֿן באַס. אשר פֿלעגט דעמאָלט זאָגן: דאָס איז נישט קיין מוזיק, נאָר פֿאַר דעם עולם איז דאָס אויך צו פֿיל...

דערפֿאַר אָבער, אַז דער עולם האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט און זיך דערנענטערט צו די טישן, פֿלעגט אשר, דער סאָלאָ־שפּילער פֿון אָרקעסטער, אויסשפּילן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אַ צופּ טאָן ביים האַרץ און צעגיין אין די ביינער. זיינע פֿינגער זענען געלאָפֿן אַקראָבאַטיש פֿון נידעריקסטע טענער — אַרויף, און פֿון דער הייך — אַראָפּ, שטאָפּלווייז, מיט דינע ניואַנסן קוים צו הערן, ווי דאָס פֿלאַטערן פֿון אַ נשמה, ווי אַן אומזעבאַרער ווינט, וואָס באַרירט בלעטער און בלומען, אָדער גאָר ווי דאָס סודען פֿון אַ שמעטערלינג. אשר האָט דעמאָלט געוויזן, וואָס ער קען.

ער פֿלעגט דעמאָלט פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ, צומאַכן די אויגן, און מיטאַמאָל — אויסוואַקסן, ווערן העכער, שטאַרקער, ווי עפּעס נישט דער זעלבער אשר. די פֿינגער האָבן געוויזן כּישוף, טענער האָבן זיך געגאָסן ווי טייערער וויין און פֿאַרשיכּורט די אוידיטאָריע. דער עולם האָט געשמאַקעוועט מיט די ליפּן, טייל האָבן געוווּנקען און זיך געוויגט פֿון תּענוג: „סאַראַ שפּילער דאָס איז!״. און אשר אַליין — אויפֿגעוועקט פֿון מוזיקאַלישן טראַנס פֿלעגט עפֿענען פֿאַרטרערטע אויגן, אָדורכגענומען פֿון זיין אייגענעם שפּילן, ביז ער איז צו זיך געקומען און זיך דערמאָנט, אַז ער איז נישט נאָר שפּילער, נאָר אויך פֿירער פֿון אַ קאַפּעליע.

נאָך אַזאַ אָפּשפּילן איז געפֿאַלן געלט אין דער קאַסע, און וואָס מערער די מטבעות — אַלץ שטאַרקער האָבן די לייט פֿון דער קאַפּעליע געקלאַפּט אשרן אין פּלייצע: „אשר, ביסט אַ מאַלאַדיעץ!״



די קלעזמער־מישפּחה

פֿון רעכטס: דער ערשטער — דוד, דער לעצטער — משה ראובן

נאָך אשרן איז די בולטע פֿיגור פֿון דער קאַפּעליע געווען משה ראובן. ער איז געווען דער דיריגענט און נאָטנקענער, דער אינטעליגענטער מאַן, וואָס האָט דעם אָרקעסטער אָוועקגעשטעלט גרויסשטעטיש און וועלטיש.

משה ראובן האָט איינגעפֿירט אין אָרקעסטער טאָג־טעגלעכע רעפּעטיציעס. דער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אויף פּוילישע בעלער אין שטאָט, אין זאַל פֿון דער ראַבערושע און אויף רייכע פּוילישע חתונות ווו „וואַרשעווער אינטעליגענץ״ האָט געפֿאָדערט קלאַסישע מוזיק. דערפֿאַר האָט משה ראובן גענומען די חבֿרה אין דער אַרבעט. אַלץ האָט געמוזט קלאַפּן

ווי אַ זייגער. ער האָט איינגעפירט סדר. יעדן זיין פלאַץ און זיינע נאָטן. געפאָדערט האַרמאָניע און קיין שום טעות נישט דורכגעלאָזט. אַלע מאָל אָפּגעשטעלט אין מיטן שפּילן און פאַררעכט אַ האַלבן צו־נידעריקן טאָן פון דער צווייטער פידל פון זיין ברודער דוד, וואָס האָט ליב געהאַט אַדורכצוכאַפּן אַ פעלער. משה ראובנס מעמד איז אַלץ געוואָרן חשובער און אַלע האָבן געהערט זיינע אָנווייזונגען.

דער אָרקעסטער האָט געקלאַפּט. אַלע כלים — אין גאַנג. און אַז די רעפּעטיציע איז געלונגען, האָט מען פאַרענדיקט מיט שנאַפּס און קיכלעך. צווישן אַלע כלים צו נגינה האָט אויך קיין מאָל נישט געפעלט אַ כוס צו משקה.

די קלעזמאָרים האָבן געהאַט זייער שטייגער און נוסח, ווי אויך אַ ספּעציעלן קלעזמערשן זשאַרגאָן. דאָס לשון פלעגן זיי באַנוצן, אַז אַנדערע זאָלן נישט פאַרשטיין. דער „יאָלד“ האָט נישט געטאָרט פאַרשטיין און נישט „קנאַסן“, וואָס עס טוט זיך אין דער קאַפּעליע. „יאָלד“ האָט געמיינט, אַ מחותן, וואָס קומט באַשטעלן די קאַפּעליע אויף דער חתונה, און די מחותנתטע האָט געהייסן: „אַ יאָלדעווקע“.

צווישן זיך פלעגן די קלעזמאָרים אַ סך רעדן וועגן די פאַרגעקומענע בעלער וווּ זיי האָבן געשפּילט, וועגן די שיינע מאַנירן פון דער פּוילישער אינטעליגענץ, די באַאַמטע און לערערס, אַפּטייקער און סטראַזש־קאָמענדאַנט, מיליטערישע אָפיצירן און זייערע שיינע דאַמעס. פון די דאָזיקע בעלער פלעגן נישט איין מאָל די קלעזמער אַהיימקומען שיכור.

שווערע צרות האָט דער אָרקעסטער געהאַט, בעת מען פלעגט אַרויספאָרן אויף אַ דאָרפישער חתונה. אַ האַלבע נאַכט איז אַדורך אין אָרדענונג, שקצים און שיקסעס האָבן געטאַנצט פּאָלקעס און מאַזורקעס און מען האָט זיך געדרייט אין קאָראָהאָדן ביז מיד ווערן. אָבער ווי נאָר מען איז געקומען צו די טישן, האָט מען זיך אָנגעשיכורט. עס זענען אויסגעבראָכן געשלעגן און בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. אונדזערע קלעזמאָרים פלעגן קוים אָפּראַטעווען דאָס לעבן און אַנטלויפן, ווייל תמיד זענען די גוייִם גרייט געווען אויסצולאָזן זייער כעס אויף די זשידקעס. נאָך אַזעלכע נעכט פלעגן די קלעזמאָרים אַהיימקומען מיד און צעבראָכן, שעלטנדיק די כאַמעס, און פלעגן פאַרזאָגן מער נישט צו גיין אויף דאָרפישע גוייִשע חתונות, וווּ מען ריזיקירט דאָס לעבן.

*

צווישן אַלע זכרונות וועגן קאַלושינער אָרקעסטער איז איינגעקריצט אין מיין זכרון אַן עפּיזאָד פון 1916, ווען קאַלושין איז געווען אָקופּירט פון קייזער ווילהעלמס אַרמיי. די באַציִונג פון דייטשן צו ייִדן איז דעמאָלט געווען אַ טאָלעראַנטע און אויפן חשבון פון דער אויסגעהונגערטער באַפעלקערונג פלעגן די דייטשן נישט שפּאָרן קיין בעלער און הוליאַנקעס.

זיי האָבן דעמאָלט איינגעלאַדן די קאַלושינער מוזיק, וואָס האָט ביי זיי שיין אויסגענומען. ס'איז געווען ביי נאַכט אַרום צען, ווען דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען פאַרשלאָסן אין די שטיבער, ווייל אין די שפּעטע נאַכט־שעהן איז געווען פאַרבאָטן צו גיין אויף די גאַסן. אפשר איז אויך די דייטשישע זעלנער געווען אומעטיק און כדי זיך אַ ביסל צו צעשטרייען האָבן זיי געברענגט די מוזיקאַנטן. דעם גאַנצן אָרקעסטער האָבן זיי אָנגעשטעלט אויף באַלטשאַנס ווערענדע און אשרן דעם סאָליסט אויף דער צווייטער זייט, אונטערן אַפּטייקערס באַלקאָן. אשר האָט געשפּילט וויעניאַווסקיס אַ קאָנצערט „לעגענדע“ — אַ שטיק צויבערמוזיק, און דער אָרקעסטער אויף באַלטשאַנס ווערענדע האָט צוגעשפּילט און באַגלייט. די דייטשן זענען געשטאַנען אין מיטן גאַס, טיף איינגעהערט אין די ציטערן פון אשרס פידל. די גאַנצע שפּיל האָט אויסגעזען מיסטיש אין דער שטילער שפּעטנאַכטיקייט פון אַן אָקופּירטער שטאָט. אשר האָט געשפּילט ווי זיין שטייגער, מיט האַרץ און מיט ליבשאַפט צו די, אין וועמען ער האָט געפילט ליבשאַפט צו מוזיק.

דעמאָלט האָט אוודאי אשר נישט געטראַכט, אַז אין עטלעכע צענדליק יאָר אַרום וועלן ער און זיינע קינדער זיין קרבנות אין די הענט פון די דאָזיקע ליבהאָבער פון מוזיק...

די קאַלושינער מוזיקאַנטן, וואָס זענען שפּעטער אַריבער קיין וואַרשע און דאָרט ווייטער צוזאַמען געפירט זייער קאַלושינער אָרקעסטער — זיי האָבן אוודאי אין די טרויעריקע טעג פון וואַרשעווער געטאָ געלאָזט ציטערן אויף זייערע סטרונעס די האַרציקע וויינענדיקע טענער פון געבירטיק — „דאָס שטעטעלע ברענט“...

שלמה קופּערהאַנד / רמלה

# די גרויסע חתונה ביים רבי נפתלי

ווען דער רבי נפתלי האָט צווייטן געמאַן, אַז ער מאַכט חתונה זיין טאָכטער, האָט די חברה „הכנסת־כלה" אין דעם געזען אַ דאָפּלטע מיצווה: פון הכנסת־כלה און שימחה מיטן רבין. גלייך האָט די חברה מנדב געווען 500 זלאָטעס, און ווי זיין שטייגער — האָט ר' משהלע איינבינדער זיך גענומען צו דער אַרבעט — אויפגערודערט אַלע חברה־לייט משמח צו זיין דעם רבין און די גאַנצע שטאָט.

אין חופה־טאָג איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע חברה ביי באַדעקטע טישן מיט לעקעך און ווייַן, און אַריין אין קוראָוש. נאָכדעם איז מען אַוועק צו די באַלעגאָלעס, אויסגעקליבן פּוסצן פון די שענסטע פערד, זיי אויסגעפּוצט מיט פאַרביקע סטענגעס און זיך אַוועקגעלאָזט, פאַרקליידט ווי קאָזאַקן און טשערקעסן, רייטנדיק צו דער באַן־סטאַציע מראַזי, און די גאַנצע שטאָט קאַלושין איז נאָכגעגאַנגען נאָך די פאַרשטעלטע רייטערס, אויפצונעמען דעם חתן.

אײדער־וואָס, ביז די באַן קומט, האָט מען ווידער געכאַפּט אַ כיבוד אין מראַזי. יודל פיענקנאָוויעש האָט זיך געלאָזט ווילגיין און געטיילט ווייַן און בראָנפן בשפע. פאַר דער סטאַציע האָט זיך צונויפגעקליבן דער גאַנצער קאַלושינער קהל מיט ר' ראובן מיכלזאָן אויף זיין בריטשקע — בראש. די פּאָליציי האָט זיך אויסגעשטעלט אין אַ שפּאַלער און אַלע האָבן בגילופין געוואַרט אויף דעם מזל־טוב־פייף פון דער באַן.

דער חתן איז אַראָפּ פון דער באַן בהדרת מלך און אַרום אים אַ גאַנצע פמליא רביים און רבנים פון פוילן און גאַליציע. די סויבלנע שטריימלעך און גלאַנציקע פוטערס צוזאַמען מיטן צירונג פון די מחותנתטעס האָבן געפינקלט אין פראַסט. מיט אַ גרויסן מזל־טוב האָט דער קהל אויפגענומען די געסט און לויטן באַפעל: „לכו ונלכה!" וואָס ר' משהלע איינבינדער האָט געלאָזן הערן, זיצנדיק אויפן אויסגעצירטן פערד, האָט זיך דער גאַנצער עולם געלאָזט גיין.

דער עולם איז געגאַנגען און ר' משהלע איינבינדער האָט אויפגעזונגען זיין ליד — דאָס ליד פון חברה „הכנסת־כלה":

בראשית ברא לערנען מיר אונדז
און גמילות־חסדים טוען מיר אונדז.
אַך, ווי ווויל איז אונדזער דינסט,
אונדזער לעבן איז צוקער־זיס.

דער גאַנצער עולם האָט נאָכגעזונגען, דער אָרקעסטער האָט צוגעקלאַפּט, און אַזוי איז מען אַריין קיין קאַלושין. ר' משהלע איז געריטן פאָרויס ווי אַ קיסר.

ווען ס'איז געקומען די שעה פון דער חופה, האָט זיך אָנגעזאַמלט אַזאַ עולם, אַז ס'איז נישט געווען ווו אַוועקצושטעלן די חופה־דרענגלעך. איז מען גיך אַוועק צו די באַלעגאָלעס, גענומען די פערד און מיט זייער הילף איז געלונגען צו מאַכן אָרדענונג.

דער חתן איז איינגעשטאַנען ביי חיים־עוזרן און ר' משהלע איינבינדער מיט זיין סוויטע האָבן אים מיט גרויסע שוועריקייטן אַדורכגעפירט דורכן המון.

די שימחה אויף דער חתונה איז געווען אין לשער. ר' משהלע האָט געפירט די שימחה און די „הכנסת־כלה" האָט דעמאָלט צונויפגעזאַמלט קרוב צו אַ טויזנט.

דער רב ר' שמואל קאַפּל האָט דעמאָלט געגעבן משהלען אַ קוש: „מיר האָבן נאָך, ברוך השם, ייִדעלעך וואָס קאָנען" — האָט דער רב דערביי געזאָגט.